Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 2, נומער 3 (8)

אדר א תשנ״ז / פֿעברואַר 1997

## פֿון דער ייִדישער גאַס

### וועגן דעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

אין יאָר 1961 איז דערשינען אין ניו-יאָרק דער ערשטער באַנד פֿונעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, אונטער דער רעדאַקציע פֿון צוויי גרויסע לינגוויסטן, יודל מאַרק (1975-1897) און יודאַ יאָפֿע (1966-1873).

דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ ווערטערבוך וואָס זאָל פֿאַרצייכענען[1] אַלע ווערטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, אַפֿילו די זעלטנסטע, האָט מען אָנגענומען אין יאָר 1952.

די אַרבעט איז געווען אַזאַ ריזיקע, אַז עס האָט גענומען נישט ווייניקער ווי אַכט יאָר ביז מע האָט געקענט אַרויסגעבן דעם ערשטן באַנד. אָבער אין משך[2] פֿון אָט דעם צענדליק יאָר האָט עס זיך נישט סתּם[3] געהאַנדלט וועגן אַרויסגעבן איין באַנד, נאָר אויך וועגן שאַפֿן די סטרוקטורעלע יסודות[4] פֿון דער גאַנצער סעריע, וואָס האָט געדאַרפֿט אײַנשליסן[5]



**אײַזענטל** — די, ־ען. דרייזין. פֿויגל פֿון דער משפּחה געגנדז. לעבט אויף אָזערעס אין אייראָ־פּע, אַזיע און צפֿון־אַפֿרי־קע. בויט אַ שווימענדיקע נעסט. שנאָבל העל־בלוי; דער ער איז טונקל־ברוין מיט שוואַרצע פֿלעקן, די זי איז העל־ברוין. לענג 55 ס״מ; וואָג — אַן ערך 1 ק״ג. Oxyura leucocephala.

אַ דעפֿיניציע פֿונעם גרויסן ווערטערבוך

צוועלף בענד : די צוויייהונדערט דרײַסיק „זאַמלערס“ האָבן צונויפֿגעזאַמלט איבער הונדערט אַכציק טויזנט ווערטער און צענדליקער טויזנטער ציטאַטן. דער צווייטער באַנד איז דערשינען אין יאָר 1966, דער דריטער אין יאָר 1971 און דער פֿערטער אין 1980.

די ערשטע פֿיר בענד נעמען אַרום דעם גאַנצן אות אַלף. עס קען אויסקומען[6] מאָדנע אַז דער אַלף האָט געפֿאָדערט גאַנצע פֿיר בענד, סך-הכּל[7] מער ווי צוויי טויזנט דרײַ הונדערט גרויסע זײַטן, אָבער מע דאַרף נעמען אין אַכט אַז אַן ערך[8] צוואַנציק פּראָצענט פֿון די ייִדישע ווערטער הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף. ערשטנס פֿאָדערן אַלע ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָקאַל „אי“ אָדער „או“ אָדער מיט אַ דיפֿטאָנג - אַ שטומען אַלף. צווייטנס איז פֿאַראַן די פֿראַגע פֿון די קאָנווערבן. דאָס רובֿ קאָנווערבן הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף : *אויס, אַרויס, אויף, אַרויף, אום, אונטער, אַהין, אַהער, אַוועק, איבער, אײַן, אָן, אַנטקעגן, אַנידער, אָפּ, אַראָפּ, אַפֿיר, אַרום, אַרונטער, אַריבער, אַרײַן*. ס'הייסט אַז אַ סך ווערבן הייבן זיך אָן מיט אַן אַלף.

דאָס פּובליקירן פֿון דעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט זיך אָפּגעשטעלט[9] נאָך דעם פֿערטן באַנד, נאָכן טויט פֿון יודל מאַרק אין 1975. שפּעטער האָט דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים, בשותּפֿות[10] מיט קאָלאָמביאַ-אוניווערסיטעט (ניו-יאָרק), גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע. נאָכן דערשײַנען פֿון דעם לעצטן באַנד האָבן די מיטאַרבעטער פֿון פּראָיעקט געאַרבעט נאָך גאַנצע אַכט יאָר ביז צו דערגאַנצן די אותיות *בית* ביז *טית*, גענוג מאַטעריאַל אויף נאָך דרײַ בענד. אָבער דערווײַל איז קיין איין באַנד נישט דערשינען.

דאָס יאָר איז פֿון ישׂראל אָנגעקומען די גוטע בשׂורה[11] אַז מע רעדט, אין די הויכע פֿענצטער[12], וועגן דערגאַנצן דעם גרויסן פּראָיעקט.

לאָמיר האָפֿן אַז די אידעע וועט באַגײַסטערן גענוג אַקאַדעמיקערס, נדבֿנים[13] און סתּם ייִדישיסטן פֿון אַ גאַנץ יאָר בכדי[14] אונדזער מאַמע-לשון זאָל, נאָך כּמעט טויזנט יאָר קיום[15], בקרובֿ[16] געניסן פֿון אַ פֿולקומענעם אייגענעם ווערטערבוך.

1. répertorier ; 2. אין משך פֿון MESHEKh au cours de ; 3. STAM simplement ; 4. YESOYDES *sing.* YESOD fondements ; 5. inclure ; 6. sembler ; 7. SAKhAKL somme, total ; 8. EREKh environ ; 9. arrêté ; 10. BESHUTFES en association ; 11. PSURE nouvelle ; 12. la haute société ; 13. NADVONIM *sing.* NADVN donateurs ; 14. BIKhDEI pour que ; 15. KIEM existance ; 16. BEKOREV bientôt

## אויף די גאַסן פֿון פּאַריז

### אַ נישט גלאַטיקער ווינטערדיקער פּאַקט אין דרײַ אותיות : עס.דע.עף.

די ווינטערדיקע אומדערוואַרטע פֿרעסט פֿון סוף דעצעמבער זײַנען נאָך בײַ אַלעמען אין זכּרון[1] מיט זייערע פֿאַרשידענע נײַעסלעך.

צי האָט איר געהערט וועגן דעם בירגער-מײַסטער[2] פֿון אַ פּאַריזער פֿאָרשטאָט[3] וואָס איז געגאַנגען איבער אַלע גאַסן וואָס אין זײַן רשות[4] אין די פֿינצטערע קאַלטע אָוונטן ? אַזוי ווי דיאָגענעס[5] מיט זײַן לאַמטערל אין דער האַנט האָט ער אָפּגעזוכט די היימלאָזע[6] אין אַלע גאַסן-ווינקלעך און האָט זיי צוגערעדט נישט בלײַבן שלאָפֿן אין דרויסן אין די פֿראָסטיקע שאַרפֿע נעכט, זיי זאָלן אַרײַנגיין שלאָפֿן אין די הקדשים[7] (אויפֿנעם-הײַזער[8]). טייל פֿון די היימלאָזע האָבן אָבער נישט געוואָלט זיך לאָזן אַרײַנפֿירן אין אָט די הײַזער - ס'איז אים אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם[9] ! - און ער האָט זיי געמוזט צווינגען דערצו.

דעם בירגער-מײַסטער האָט מען קריטיקירט. מען האָט עס אים פֿירגעוואָרפֿן[10] אינעם נאָמען פֿון בחירה[11] : ער וואָלט געדאַרפֿט אַהינפֿירן נאָר די וואָס זײַנען מסכּים[12] געווען. נו ! ס'שטעלט זיך אָבער אַ קשיא[13], אַ לעבנס-פֿראַגע : וואָס וואָלט מען געזאָגט ווען מע וואָלט צומאָרגנס געפֿונען אָט די היימלאָזע אויף טויט פֿאַרפֿרוירענע - אָפּגעדאַוונט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל[14] ! צי וואָלט עס נישט געהייסן - דאָס נישט קומען צו הילף אַ מענטש אין סכּנת-נפֿשות[15] ?

1. ZIKORN mémoire ; 2. maire ; 3. banlieue ; 4. RESHU's autorité ; 5. Diogène ; 6. sans domicile (S.D.F.) ; 7. HEKDEYShIM *sing.* HEKDESh asile, hospice ; 8. centres d'accueil ; 9. "Il en a bavé des ronds de chapeau." ; 10. reproché ; 11. PKhIRE libre arbitre ; 12. MASKIM d'accord ; 13. KAShE question, problème ; 14. "ils ont passé l'arme à gauche" ; 15. SAKONES NEFOShES danger de mort.

# צוויי חשובֿע געסט

# ווען אַ גאַסקאָן ווערט אַ ליטוואַק

**דער ייִדישיסט שלמה שווייצער אינטערעסירט זיך אין די משלים**
**פֿונעם פֿראַנצייזישן שרײַבער זשאַן דע לאַ פֿאָנטען**
**און זעצט איבער 36 פֿון זיי**

עס האָט זיך לעצטנס געטראָפֿן אין פּאַריז אַ טשיקאַווע פּאַסירונג - דער פֿראַנצויזישער פּאָעט זשאַן דע לאַ פֿאָנטען איז מגולגל[1] געוואָרן אין אַ ייִדישן שרײַבער. אַזאַ פֿאַרוואַנדלונג האָט באַוויזן שלמה שווייצער, אַ זשוואַווער[2] יונגער-מאַן פֿון 93 יאָר, וואָס האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש 36 פֿון לאַ פֿאָנטענס משלים[3]. די ערשטע אויפֿלאַגע[4] האָט זיך גלײַך אויספֿאַרקויפֿט, אָבער מע גרייט שוין אַ נײַע וואָס מע וועט באַלד קענען קריגן אין דער מעדעם-ביבליאָטעק.

שווייצער, וואָס וווינט איצט אין ישׂראל, איז געקומען צו גאַסט דעם 13טן יאַנואַר אויף אַן אָוונט אינעם מעדעם-צענטער. דער באַקאַנטער לינגוויסט אַלכּסנדר[5] דערטשאַנסקי האָט אים פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן עולם און אריאל ציון צוזאַמען מיט יצחק ניבאָרסקי האָבן פֿאָרגעלייענט עטלעכע פֿון די משלים אויף פֿראַנצייזיש און אויף ייִדיש.

שווייצער, אַ געבוירענער אין פּוילן, האָט געוווינט לאַנגע יאָרן אין פּאַריז (און, בעת דער מלחמה, אין דער שווייץ) איידער ער איז עולה[6] געווען קיין ישׂראל אין 1964. אומעטום איז ער געווען אַ בויער און אַ טרעגער פֿון דער ייִדישער קולטור. איבערזעצן לאַ פֿאָנטענס משלים האָט ער אָנגעהויבן שוין אין 1940 און לאַנגע יאָרן האָבן זיי זיך בײַ אים אויסגעצײַטיקט[7]. דער רעזולטאַט איז ממש[8] וווּנדערלעך קלוג און שיין.

איבערטראָגן אַ משל נישט נאָר פֿון איין שפּראַך אין אַן אַנדערע נאָר פֿון איין קולטור אין אַן אַנדערער איז נישט קיין פּשוטע אונטערנעמונג - דער עיקר ווען עס גייט אין[9] אַזעלכע צוויי פֿאַרשיידענע וועלטן ווי די ייִדישע וועלט און פֿראַנקרײַך פֿון 17טן יאָרהונדערט.

ווי עס האָט באַמערקט י. ניבאָרסקי, באַהאַנדלען אַלע משלים - זאָל עס זײַן פֿון רוים, פֿון גריכנלאַנד אָדער פֿון אינדיע - די זעלביקע אייביקע טעמעס, אָבער אין יעדן אָרט זײַנען זיי ענג פֿאַרבונדן מיט אַ ספּעציפֿישער טראַדיציע, אַ באַזונדערן לעבנס-שטייגער. דאָס הייסט אַז אַ משל איז אין דער זעלבער צײַט אי גאָר אוניווערסאַל אי טיף אײַנגעוואָרצלט אין אַ קולטור פֿון וואַנען ער נעמט זײַן כּוח און זײַן גאַנצן טעם. טאָ ווי פֿאַרייִדישט מען לאַ פֿאָנטען ? ווי אַזוי, צום בײַשפּיל, גיט מען איבער דאָס וואָס ער מיינט ווען ער רופֿט אָן אַ פֿוקס אַ „גאַסקאָן"? לייענט דעם משל און איר וועט זען !

1. מגולגל ווערן MEGULGL être transformé ; 2. vif, alerte ;
3. MESHOLIM *sing.* משל MOSHL exemple, fable ; 4. édition. 5. ALEKSANDER ; 6. עולה זײַן OYLE immigrer en Israél ; 7. mûri ;
8. MAMESH véritablement ; 9. il s'agit de.

## דער פֿוקס און די טרויבן



אַ פֿוקס אַ ליטוואַק (אויף ליטוואַקעס איז אַלץ צו גלויבן),
פֿון הונגער פֿאַרחלשט[1], דערזעט מיט אַ מאָל
אויף אַ ווײַנשטעקל[2] אַ הויכן אויבנאויפֿיק[3] רײַפֿע[4] טרויבן
און באַדעקטע מיט אַ רויטער שאָל[5].
דער בחור[6] וואָלט מיט חשק[7] זיי אַראָפּגעשלונגען.
ער האָט זיי אָבער נישט געקענט דערגרייכן.
„זיי זענען מיר צו גרין - טוט ער אַ זאָג - און גוט פֿאַר ווילע יונגען[8] !"

צו וואָס זיך קלאָגן ? אַ גוטער תּירוץ[9] פֿון חכמה[10] איז אַ צייכן.

1. FARKHALESHT mourant de faim ; 2. pied de vigne *(dim.)* ;
3. apparemment ; 4. mûrs ; 5. peau (de fruits) ; 6. BOKHER jeune homme ; 7. KHEYSHEK envie, plaisir ; 8. les mauvais garçons ;
9. TERETS prétexte, excuse ; 10. KHOKHME sagesse, intelligence.

# אין פּאַריז ספֿר חווה

**פֿון מיטל-עלטער אָן איז יִידיש געווען נישט נאָר די גערעדטע שפּראַך פֿונעם פֿאָלק נאָר אויך אַ פֿענצטער צו דער וועלט פֿון דער העברעיִשער און פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.**

פֿון דעם 19טן ביז דעם 27סטן יאַנואַר האָבן מיר געהאַט דעם כּבֿוד און דאָס פֿאַרגעניגן צו האָבן צו גאַסט אין פּאַריז פֿרוי חווה טורניאַנסקי, דעם ראש פֿון דער יִידיש-קאַטעדרע[1] בײַם ירושלימער אוניווערסיטעט. חווה טורניאַנסקי האָט דאָ געהאַלטן פֿינף רעפֿעראַטן, וואָס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם : אַ ציקל לעקציעס וועגן דעם תּנך אין דער יִידישער קולטור, אַ לעקציע וועגן גליקל האַמעל (וואָס איר בוך האָט זי איבערגעזעצט אויף העברעיִש) און אַ רעפֿעראַט אונטער דעם טיטל „די יִידישע ליטעראַטור ווי די פֿאַרמיטלערין[2] צווישן דער קאַנאָנישער[3] קולטור און דעם ברייטן עולם“.

## יִידיש ווי אַ פֿאַרמיטלער

דער צד-השווה[4] פֿון אַלע פֿינף לעקציעס איז געווען די דאָזיקע פֿאַרמיטלער-ראָלע פֿון יִידיש, וואָס האָט די ווערק אויף לשון-קודש, אָבער אויך דעם אינטערנאַציאָנאַלן קולטור-אוצר (ווי די עזאָפּ-משלים, דײַטשע צי איטאַליענישע אַוואַנטורעס-ראָמאַנען) צוגענגלעך[5] געמאַכט פֿאַר דעם פּראָסטן יִידישן לייענער. ווײַל נישט בלויז די פֿרויען, נאָר דאָס רובֿ אשכּנזישע יִדן בכלל - הגם[6] זיי האָבן געקענט לייענען די תּפֿילות צי אַנדערע טעקסטן אויף לשון-קודש - האָבן די שפּראַך נישט פֿאַרשטאַנען און זי אויך קיין מאָל נישט געלערנט אין דעם זינען אין וועלכן מיר לערנען זיך הײַנט פֿרעמדשפּראַכן. כּדי איבערצוגעבן דעם עולם ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן לויט דער יִידישער רעליגיע, האָט מען געמוזט אים צושטעלן ביכער אין דער שפּראַך וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען - און פֿאַר דער גאַנצער אשכּנזישער וועלט - פֿון פּוילן איבער מערן[7] און בעמען[8] ביז דײַטשלאַנד און צפֿון-איטאַליע - איז עס געווען יִידיש. מע האָט טאַקע געשאַפֿן אויף יִידיש אַ רײַכע מוסר[9]- און מינהגים[10]-ליטעראַטור, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע אַספּעקטן פֿון דעם יִידישן לעבן. מע קען דאָ אויסרעכענען למשל דעם *בראַנטשפּיגל*[11], *ספֿר לבֿ טובֿ*[12], *ספֿר מצוות נשים*[13] - באַשטימט באַזונדערס פֿאַר פֿרויען, אָדער דאָס *בענטשערל*, מיט די ברכות צו יעדער צײַט. מע האָט זיך אויך באַמיט צו געבן יעדן איינעם אַ צוטריט צו דעם יסוד[14] פֿון דעם יִידישן גלויבן - דעם תּנך.

## תּנך פֿאַרטײַטשט און דערקלערט

פֿון דעם 16טן יאָרהונדערט אָן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע דירעקטע איבערזעצונגען פֿון תּנך, וואָס האָבן אָבער בײַם עולם נישט אויסגענומען[15]. ערשטנס, האָבן זיי אַזוי נאָכגעמאַכט דעם סינטאַקס פֿון אָריגינאַל, אַז זיי זענען געווען קוים פֿאַרשטענדלעך, און צווייטנס, זײַנען די דירעקטע איבערזעצונגען פֿון תּנך (וואָס אין פּרינציפּ דאַרף מען אים לייענען אויף לשון-קודש) קיין מאָל נישט געווען אין גאַנצן כּשר אין די אויגן פֿון די פֿרומע. מע האָט ליבער געהאַט תּנך-באַאַרבעטונגען - אַזעלכע ווי *ספֿר המגיד*[16] (אַ באַאַרבעטונג פֿון די נבֿיאים[17] און כּתובֿים[18]) און *מגישי מנחה*[19] (פֿון חומש), ווו יעדער פּסוק[20] איז געווען פֿאַרטײַטשט און דערקלערט, אָדער אַזעלכע ווי *צאינה וראינה*[21] וואָס איז געגאַנגען לויט דער פּרשה[22] פֿון דער וואָך און ווו דער טעקסט גופֿא איז געווען באַגראָבן אונטער אַ באַרג אויסטײַטשונגען, מעשׂהלעך, פֿאַרגלײַכן אאַ״ו. דאָס דאָזיקע ווערק, מיט זײַנע 210 אויפֿלאַגעס[23] איז געוואָרן דער גרעסטער בעסט-סעלער פֿון דער יִידישער ליטעראַטור.
אויף דעם גרונט פֿון תּנך האָט מען געשאַפֿן אַ רײַכע תּנך-עפּיק, וואָס האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט אין 15טן/16טן יאָרהונדערט מיט *שמואל-בוך* און *מלכים-בוך*, אמתע אַוואַנטורעס-ראָמאַנען געבויט אויף דעם סמך פֿון ספֿר שמואל[24] און ספֿר מלכים[25], וואָס האָבן לאַנגע יאָרן קאָנקורירט מיט די איבערזעצונגען פֿון דער דײַטשער צי איטאַליענישער עפּיק פֿון דעם זעלביקן זשאַנער.




**שער-בלאַט פֿונעם שמואל-בוך**

חווה טורניאַנסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די ראָלע פֿון יִידיש האָט זיך נישט באַגרענעצט צו דער פֿאַרמיטלונג צווישן דער רעליגיעזער ליטעראַטור אויף לשון-קודש און דעם ברייטן עולם. אויך די וועלטלעכע[26] ליטעראַטור האָט מען איבערגעזעצט פֿון העברעיִש ווי פֿון אַנדערע שפּראַכן אויף יִידיש. אַזוי אַרום האָט מען פֿאַרזאָרגט דעם עולם מיט ווערק פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנערס : היסטאָריאָגראַפֿישע ביכער, נסיעה[27]-רעפּאָרטאַזשן, מעשׂה-ביכער אאַ״ו. די וויכטיקייט פֿון דער דאָזיקער פֿאַרמיטלער-ראָלע פֿון יִידיש ווערט בולט[28] אַז מע לייענט די מעמואַרן פֿון גליקל האַמעל (1659-1724). אַ ווײַב פֿון אַ רײַכן סוחר, אַ מאַמע פֿון פֿערצן קינדער, האָט זי באַשריבן איר לעבן און איר וועלט אין פֿאָרעם פֿון מעמואַרן, וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן און וואָס מע לייענט מיט פֿאַרגעניגן ביז הײַנט צו טאָג. און כאָטש זי האָט נישט געקענט קיין העברעיִש, איז זי געוואָרן אַ גוט אויסגעבילדעטע פֿרוי, לייענענדיק בלויז אויף יִידיש.

1. ROSh directrice du département de yiddish ;
2. intermédiaire ; 3. canonique ; 4. TSAD HASHOVE point commun ; 5. accessible ;
6. HAGA'M bien que ; 7. Moravie ; 8. Bohème ;
9. MUSER moral ; 10. MINHOGIM moeurs, coutumes ; 11. "Speculum" : sorte d'encyclopédie de mode de vie et coutumes ; 12. SEYFER LEV TOV Livre du bon coeur ; 13. SEYFER MITSVES NOSHIM Livre des devoirs des femmes ;
14. YESOD fondement ; 15. אויסנעמען בײַ avoir du succès auprès de ; 16. SEYFER HAMAGID Livre du prédicateur ; 17. NEVIIM Les Prophètes ;
18. KSUVIM Les Écritures ; 19. MAGIShE MINKhE ;
20. POSEK verset ; 21. TSENE RENE *lit.* "sortez et regardez" recueil d'histoires et de commentaires bibliques ; 22. PARShE Paracha, portion hébdomadaire de lecture biblique ;
23. éditions ; 24. SEYFER ShMUEL Livre de Samuel ; 25. SEYFER MELOKhIM Livre des Rois ;
26. laïc ; 27. NESIE voyage ; 28. BOYLET clair, évident.

# בריוו אין רעדאַקציע

**נאָך דעם אַרטיקל וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין אונדזער לעצטן נומער אונטערן טיטל „בײַ געדעקטע טישן“ האָבן מיר באַקומען דעם ווײַטערדיקן בריוו.**

חשובֿער[1] רעדאַקטאָר פֿון „דער יִדישער טעם-טעם “,
מיר בעטן אײַך פֿאַרעפֿנטלעכן[2] אין אײַער צוקונפֿטיקער אויסגאַבע אַ גלײַכשטעלונג[3] וועגן דעם אַרטיקל וואָס איר האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער אויסגאַבע פֿון דעצעמבער 1996. אין אַרטיקל „בײַ געדעקטע טישן“ שרײַבט איר : „דער פֿאַרבאַנד, נאָענט צו די קאָמוניסטן“...
1) פֿון וועלכן שולחן-ערוך[4] האָט איר דאָס גענומען ?
2) זײַט איר דאָך זיך סותר[5] מיט דעם וואָס איר שרײַבט צוויי שורות פֿריִער, אַז דער פֿאַרבאַנד איז אַ פֿאַראייניקונג פֿון פֿאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפֿטן און געזעלשאַפֿטן. דאַרפֿט איר פֿאַרשטיין אַז ווען אַן אָרגאַניזאַציע קומט אַרײַנטרעטן אין פֿאַרבאַנד, איז מען פֿריִער בײַ זיי נישט בודק די ציצית[6].
דאַגעגן איז דער פֿאַרבאַנד איינע פֿון די יִדיש-רעדנדיקע געזעלשאַפֿטן וועלכע באַשטײַערט זיך[7] (און אירע מיטגלידער זאַמלען פֿאַר ישׂראל דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון A.U.J.[8]) מיט אַזעלכע סומעס, וואָס שטײַגן זיכער אַ סך איבער די אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס איר דערמאָנט אין אײַער אַרטיקל. דער פֿאַרבאַנד האָט אויך ספּעציפֿישע פֿאָרמען אָפּצוהיטן דאָס יִדישע וואָרט און די יִדישע קולטור. צום בײַשפּיל, טיילט ער צו זינט 11 יאָר אַ יערלעכע פּרעמיע מיט דעם נאָמען קאָרמאַן-פּרײַז פֿאַר אַ יִדישן שרײַבער און אַ צווייטן פּרײַז פֿאַר אַ יִדישן קינסטלער. די ליסטע פֿון אונדזערע פּאָזיטיווע אַרבעטן אויף דער יִדישער גאַס איז ווײַט צו לאַנג צו קענען זיי דאָ אויסרעכענען. אפֿשר בלויז צוגעבן אַז מיר זײַנען אַקטיוו אין קריף, יִדישן וועלטקאָנגרעס - אָבער וואָס מיר זײַנען נישט איז זיכער דאָס וואָס איר האָט געוואָלט אונדז צוקלעפּן[9]. דעריבער וואַרטן מיר אויף אײַער זשורנאַליסטישער גלײַכשטעלונג מיט פֿאַרעפֿנטלעכן די שורות.

אבֿרהם זאַלץ

וויצע-פּרעזידענט פֿון פֿאַרבאַנד

1. KHOSHEVER important, estimé *(employé souvent dans la correspondance)* ; 2. publier ; 3. rectification ; 4. SHULKHN OREKh Recueil de lois juives écrit par Joseph Caro en 1565, devenu synonyme de «faire autorité» ; 5. סותר זײַן SOYSER se contredire ; 6. בודק זײַן די ציצית (BOYDEK ; TSITSES) *lit.* vérifier les franges rituelles, *ici* : chercher à savoir le pédigrée de qqn ;
7. contribue ; 8. Appel Unifié Juif ; 9. coller.

**שפּריכווערטער פֿאַר אָנהייבערס**

- אַן אייזל דערקענט מען אָן די לאַנגע אויערן, אַ נאַר - אָן דער לאַנגער צונג.
- אַז אַ לייב שלאָפֿט, לאָזט אים שלאָפֿן.
- פֿון דעם בער אין וואַלד זאָל מען די פֿעל ניט פֿאַרקויפֿן.



# אייזל

**וועגן דער מעדעם-ביבליאָטעק, געפֿי״ל און דעם טעם-טעם אויף אינטערנעט :**

**http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm**

4

### *ענטפֿער אויף דעם קערפּער-רעטעניש*

1. ער גיט געלט מיט אַ ברייטער **האַנט** .
2. וועגן פּריוואַטע זאַכן רעדט מען אונטער פֿיר **אויגן** .
3. ווען אַ פּאָליטיקער רעדט, דרייט ער מיט דער **צונג** .
4. זײַ פֿאָרזיכטיק[1] - דײַן קאָלעגע שאַרפֿט זיך שוין די **ציין**[2] אויף דײַן פּאָסטן.
5. ער האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער און לאָזט זיך פֿירן פֿאַר דער **נאָז** .
6. דאָס איז נישט קיין אמת[3], ס'איז אין גאַנצן אַרויסגעזויגן פֿון **פֿינגער**[4] .
7. ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן אַז ער האָט גענומען די **פֿיס** אויף די **פּלייצעס** און איז אַנטלאָפֿן.
8. הלל[5] האָט געוויזן אַז מע קען זאָגן די גאַנצע תּורה אויף איין **פֿוס** .
9. עס זיך נישט אָפּ דאָס **האַרץ**, ס'וועט ווערן בעסער.
10. ער האָט זיך גענומען צו דער שווערער אַרבעט מיט **לײַב** און **לעבן** .

**1. fais attention ; 2. il convoite ta place ; 3. EMES vérité ; 4. inventé de toutes pièces ; 5. Hillel**

**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :**
**אַניק, זשיל, יצחק, מלכּה, נאַטאַליאַ, רובי**


**AEDCY**

Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

**מעדעם-ביבליאָטעק**

Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr